בס"ד

# אור חדש תאיר



אור הנחל



די אלע געפילן וואס דער מחבר האט אראפגעברענגט און אריינגעלייגט אין 'ווערטער' - ווערן אריינגעגאסן אינעם הארץ פונעם לערנער און ער ווערט א חלק פון דער פייער!

# אשריך ישראל

**געפילן און געדאנקען צום ערשיינונג פון ליקוטי הלכות הוצאת אור - הנחל**

א פרייד נעמט ארום די אידישע וועלט מיטן ערשיינונג פונעם הערליכן סעט "ליקוטי הלכות" פון הרה"ק רבי נתן מברסלב זיעועכי"א, הוצאת 'אור הנחל'. וועלכע איז געווארן פריש איבערגעארבעט מיט הערליכע הידורים און תיקונים, און איז יעצט דא צו באקומען איבעראל פאר א צוגענגליכן פרייז.

•

איידער דער הייליגער רבי נתן ז"ל איז אנגעקומען צו זיין רבי'ן הרה"ק מוהר"ן מברסלב, האט זיך דער הייליגער רבי אויסגעדרוקט: "איך ווארט אז עס זאל ווערן מקורב צו מיר א אינגערמאן וועלכער וועט קענען מסביר זיין גאנץ כתבי האר"י אז אפילו קליינע קינדער זאלן עס קענען פארשטיין". און אין יענע תקופה איז מקורב געווארן דער הייליגער רבי נתן ז"ל – וואס אים האט ער געמיינט, און ער האט דאס טאקע אויסגעפירט מיט זיין ספר ליקוטי הלכות וועלכע ער האט געשריבן במשך פערציג יאר.

דער אופן וויאזוי רבי נתן איז מצליח אראפצוברענגען הויכע זאכן און דאס מאכן פשוט און נוגע פאר יעדן איינעם – איז בלי ספק זיין גרויסע הארץ. רבי נתן'ס פעדער איז א שטיק הארציגקייט!

פון איין שורה גיסן זיך געפילן פון א געוואלדיגע בענקשאפט פון דער אידישער נשמה צו איר טאטן אין הימל, און פון דער צווייטער שורה גיסן זיך געפילן פון א גרויסע שמחה וואס א איד פריידט זיך מיט זיין אידישקייט בכלל און מיט יעדע מצוה בפרט.

פון איין שטיקל גיסן זיך געפילן פון 'התעוררות' וועלכע רייסט שטיקער און וועקט אויף דעם מענטש צו געדענקען אז ער געפונט זיך אין א פארבייגייענדע וועלט – וואו מען לעבט נישט אויף אייביג, און פון צווייטן שטיקל גיסן זיך ימ'ען פון 'התחזקות' אז מיט אלעם און נאך אלעם, איז נישטא קיין יאוש און טאמער א מענטש וועט נישט אויפגעבן זיין האפענונג און אמונה – וועט ער ענדע אנקומען צו זיין אמת'ן פלאץ.

פון איין זאץ גיסן זיך געפילן פון ווייטקייט וואס דער מענטש שפירט זיך אזוי ווייט און פרעמד פונעם אויבערשטן – זייענדיג איינגעטונקען אין די הבלי עולם הזה, און פון צווייטן זאץ גיסן זיך געפילן פון נאנטקייט אז נישט קיין חילוק אין וועלכן מצב ער שטייט – איז ער באליבט ביים אויבערשטן און יעדע מצוה זיינע איז גאר גאר טייער און חשוב ביים אויבערשטן.

אט דער ברייטער און פלאקערדיגער הארץ נעמט די העכסטע באגריפן פון קבלה און חסידות און פארוואנדלט דאס צו פשוט'ע 'עברי טייטש', פון א הויכע בחינה מיט קליינע אותיות, וועלכע באלאנגט געווענליך צו גרויסע 'בעלי השגה' מיט גרויסע קעפ – ווערט עס א הארציגע געפיל, וואס יעדער איד – ווי פשוט ער איז נאר – הייבט עס אן צו שפירן און באלעבן.

עס איז פארהאן אמאל א ספר, וואס יעדער וואס לערנט דאס, ווערט נתפעל פון דעם מחבר'ס געוואלדיגע מדריגות און השגות אין עבודת ה'. אבער נישט אזוי פאסירט ווען מען לערנט ליקוטי הלכות! ווייל דער לערנער קוקט זיך נישט צו פון דער זייט ווי דער מחבר ברענט און פלאקערט, נאר ער זעלבסט ווערט מיטגעשלעפט! 'ליקוטי הלכות' איז א שוועבל וועלכע צינדט אונטער דאס הארץ פון דער וואס לערנט עס! די אלע געפילן וואס דער מחבר האט אראפגעברענגט און אריינגעלייגט אין 'ווערטער' – ווערן אריינגעגאסן אינעם הארץ פונעם לערנער און ער ווערט א חלק פון דער פייער! ווי דער געהויבענער חסיד רבי שמואל שפירא זצ"ל שרייבט אין א בריוו: "אפילו ללמוד במהירות ליקוטי הלכות הם מחזקים את האדם, וגם יש בו סגולה שאפילו האמירה בעצמה של ליקוטי הלכות מחזק את האדם" – אפילו בלויז אפלערנען און אפזאגן בלעטער ליקוטי הלכות בלאזט אריין חיזוק אינעם מענטש! עס איז נישט מעגליך דורכצולערנען עטליכע בלעטער ליקוטי הלכות אן ווערן אנגעצינדן און אויפגעהויבן! די ווערטער פון ליקוטי הלכות זענען ווי לעבעדיגע און אקטיווע עלעקטעריק דראטן! עס קוועלט און לעבט עד היום הזה.

דער ספר 'ליקוטי הלכות' איז שוין היינט ברייט באקאנט אלס דער 'ספר החיזוק' פונעם דור. פארהאן היינט אזויפיל רבנים, משפיעים און בעלי דרשנים וואס יעדעס מאל איידער זיי טרעטן אויף מיט א דרשה פארן ציבור, מוזן זיי דורכלערנען א פאר שטיקלעך ליקוטי הלכות, נישט כדי צו נאשן א שיינעם טייטש, ניין! דאס געפונט מען נישט דוקא דא אין דעם ספר. נאר כדי עס זאל אנהייבן פליסן א שטראם פון חיזוק אין זייערע אדערן און דאס זאל זיך איבערגיסן ווייטער, 'להשקות צמאי חסדך מנהר היוצא מעדן'.

## עס הייבט אן צו ווערן גוט אויפן הארץ און מען שפירט א געוואלדיגע ליכטיגקייט און נאנטקייט צום אויבערשטן



מיר לעבן היינט אין א צייט פון 'עקבתא דמשיחא', וואס 'החושך יכסה ארץ', דער הונגער פון אידישע קינדער נאך אביסל חיות און שמחה אין אידישקייט – האט שוין געגרייכט דעם קלימאקס! דער דארשט פון מענטשן נאך א פאזיטיווע אמת'ע בליק אויף זיך און אויף די תורה הקדושה – איז גורם אז מענטשן זוכן עס ליידער אין אלע ווינקלען – אפילו ביז צו גיין אויפהייבן שמוץ פון מיסט צו זען אויב מען קען דאס אפשר עסן. מען גייט היינט צו אלערליי קורסעס און לעקציעס – כדי צו נעמען א ספק פון עפעס חיות. אין אזא צייט איז שוין העכסט צייט אז דער ספר 'ליקוטי הלכות' זאל שוין אנקומען אין יעדע אידישע שטוב און ליגן כסדר אויפן טיש. דאס זאל זיין 'לחם חוקו' פון יעדן איד. ווייל עס איז נישט בנמצא נאך א 'ספר קדמון' וועלכער גיסט אזעלכע ריזיגע עמערס פון חיות דקדושה און שמחת היהדות – ווי 'ליקוטי הלכות'.

יעדע גוטע זאך קומט אן שווער. פון די הויפט שוועריקייטן וואס דער לערנער וועט זיך אנטרעפן בתחלת דרכו, איז די פילע פרעמדע אויסדרוקן וועלכע קומען פון די תורות אין ליקוטי מוהר"ן – אויף וואס דער ספר איז געבויעט, וואס טאמער מען איז נישט בקי אין די תורות, איז עס אביסל שווער און פרעמד. אבער עס לוינט נישט צוליב דעם צו פארמאכן דעם ספר און באשליסן אז 'דאס איז נישט פאר מיר'. עס איז בלויז א קליינע שוועריקייט וועלכע לוינט זיך דורכצוברעכן! מען דארף זיך נישט אפשטעלן צוליב דעם, נאר גיין ווייטער און ווייטער – אן פארשטיין פונקטליך יעדעס ווארט! און דער שכר באקומט מען אויפן פלאץ, אז עס הייבט אן צו ווערן גוט אויפן הארץ און מען שפירט א געוואלדיגע ליכטיגקייט און נאנטקייט צום אויבערשטן! מען ווערט לעבעדיג און פריש אין אידישקייט! און בהמשך הזמן ווערט מען צוגעוואוינט און היימיש מיט די אלע מושגים, מען הייבט עס אן צו פארשטיין און קענען פונדערנאנט.

•

זעענדיג דעם מצב וואו מיר שטייען היינט, און דער גרויסער מאנגל וואס עס הערשט אויף לערנען ליקוטי הלכות – האט זיך הוצאת 'אור הנחל' אריינגעווארפן אין א פראיעקט פון ברענגען ליקוטי הלכות צום פאלק. זיי האבן געלאזט איבערדרוקן דעם גאנצן סעט אויפן היינטיגן שיינעם סטיל, הערליכע אותיות אויף א שיינעם פאפיר. און כאטש עס איז א סעט פון אכט בענדער – האט מען געמאכט זיכער אז עס זאל נישט קאסטן צי טייער, כדי אז יעדער איד זאל זיך דאס קענען ערלויבן, קויפן און זיך קובע זיין א שיעור דערין. און עס איז צום האפן אז דער גוטער רצון זאל ברענגען גוטע פעולות, דער ספר זאל אנקומען צו אלע שיכטן און קרייזן, און דורכדרינגען אלע שיכטן פון אייזן, אלע מחיצות של ברזל און מסכים המבדילים, און מקרב זיין אידן לאביהם שבשמים.

**"נתן לנו תורת אמת וחיי עולם נטע בתוכנו".**


חידוש'פולע איניציאטיוו דורך מכון 'אור הנחל':

# ספעציעלער האטליין מיט שיעורים אינעם ספה"ק ליקוטי הלכות

אין ליכט פונעם ערשיינונג פון דעם הערליכן סעט ליקוטי הלכות, וועלכע ווערט שוין צוכאפט אין די געשעפטן, דורך טויזענטער אידן המבקשים און צמאים לדבר השם, האט מכון אור הנחל זיך אריינגעווארפן אינעם גראנדיעזן פראיעקט, נעמליך אהרצושטעלן א קלארע און מסודר'דיגע האטליין, מיט שיעורים אין ספה"ק ליקוטי הלכות, אז סיי ווער עס האנדלט זיך איין דעם הערליכן סעט און וויל באקומען א געשמאק און קלארקייט אין די הייליגע ווערטער, זאל האבן די גרינגע צוטריט דערצו.

דמכון אור הנחל האט געלייגט א באזונדערע געוויכט אז דער האטליין זאל זיין לייכט און פראקטיש – וואו די צוהערער זאלן גרינגערהייט קענען טרעפן דאס וואס זיי זוכן. אויך האט מען זיכער געמאכט ארויסצושטעלן די קלארסטע שיעורים אין ליקוטי הלכות, פארגעלערנט מיט א געשמאק און חיות, אבער צו דער זעלבער צייט קורץ און צום פינטל.



דער האטליין איז געווידמעט בלויז פאר די ליקוטי הלכות שיעורים, און איז אוועקגעשטעלט געווארן אלס אן אויסשליסליכער ליין פאר אידן המבקשים וועלכע זוכן צו טועם זיין דעם געשמאקן רוחניות'דיגער טעם אין דעם הייליגן ספר. שמעו את דבר השם!

אור הנחל האטליין

718.750.2010

# א קורצע איבערדיכט

דער ספר ליקוטי הלכות

דיין מחבר
און דיין אויסשטעל





# דער

הייליגער רבי נתן מברסלב זי"ע איז געבוירן געווארן ט"ו בשבט תק"מ לפ"ק און איז נסתלק געווארן עשרה בטבת תר"ה לפ"ק. ער איז געווען א גרויסער עילוי און א תלמיד חכם מופלג, ועל כולם איז ער געווען א גרויסער מבקש ה', ער האט זיך געדרייט ביי פילע צדיקים תלמידי המגיד זי"ע און מקבל געווען פון יעדן איינעם פון זיי תורה און חסידות. אין יאר תקס"ב לפ"ק איז ער אנגעקומען צו הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע וועמען ער האט אנגענומען אלס זיין רבי מובהק און צו אים איז ער געבליבן מקושר בכל נימי נפשו ולבבו.

דער הייליגער רבי ר' נחמן זי"ע האט גאר שטארק געהאלטן פון זיין תלמיד רבי נתן זי"ע, אזוי וויט, אז ער האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אויף אים: "צו מיר פארשטייט קיינער נישט, נאר נתן, און נפתלי אביסל". און אזוי אויך איז געווען נאך פארשידענע פעלער ווי ער האט ארומגערעדט איבער זיין ענוה און שפלות, איבער זיין טיפע הבנה און חכמה, איבער זיין צדקות און עבודות, איבער זיין זריזות און כח ההנהגה, איבער זיין כח ההתחזקות און ביטול. ער האט אים גענומען אלס זיין תורה שרייבער און אלס זיין תלמיד מובהק וועלכער זאל ווייטער איבערגעבן זיין הייליגן דעת לדורות הבאים.

אין יאר תקס"ה שבת חנוכה האט דער רבי געזאגט א תורה (ליקו"מ סי' נ"ד) וואו ער האט צווישן אנדערע ארומגערעדט אז כדי א מענטש זאל זיין א ריכטיגער 'מחדש' אין תורה מוז ער האבן א 'כח הדמיון' וועלכע איז ריין פון טעותים און פאלשע דמיונות. נאך יענע תורה האט דער רבי זיך אנגערופן צום עולם – און בעיקר צו רבי נתן: "איך האב אייך געגעבן א ריינעם כח המדמה". שפעטער האט דער רבי גערופן רבי נתן'ען פריוואט און אים געהייסן: "הייב אן מחדש זיין חידושי תורה! יעדן טאג מוזטו עפעס מחדש זיין! אבער שרייב עס נאכנישט אראפ! דאס וועל איך דיר נאך הייסן אין א צווייטע געלעגנהייט!". דאס איז געווען א רמז, אז רבי נתן איז אין דער דרגא פון א ריינעם כח הדמיון, וואס דעריבער מעג ער מחדש זיין דברי תורה.

וויניגער ווי א יאר דערויף, אנהייב ווינטער תקס"ו לפ"ק האט דער רבי געהייסן פאר רבי נתן אז ער זאל אנהייבן אראפשרייבן זיינע חידושים – וואס פון דעם איז געווארן דער ספר ליקוטי הלכות. דער רבי האט אים געהייסן אז ער זאל מחדש זיין אויף שולחן ערוך, מסביר זיין טעמים און ענינים אויף די הלכות געבויעט אויף די תורות פון ליקוטי מוהר"ן, וואס דאס וועט באלייכטן יעדן איד אין יעדע זאך וואס ער טוט על פי הלכה – צו זען דארט די נאנטקייט צום אויבערשטן און די הוראות אין עבודת השם וואס דאס לערנט אים אויס. אויך האט אים דער רבי געזאגט: "ווען אימער עס קומט דיר אויס צו שרייבן איבער די ענינים פון 'אמונה' אדער 'צדיק' – זאלסטו צעלאזן דיין פעדער און שרייבן וואס מער!".

ווען רבי נתן האט געברענגט זיינע כתבים צום רבי'ן און אים געוויזן וואס ער האט געשריבן, איז דער רבי זייער נתפעל געווארן פון די טיפקייט און ברייטקייט פון די חידושים וועלכע זענען געבויעט 'גג על גג'. דער רבי האט זיך דעמאלט אויסגעדרוקט: "רבי נתן איז א חד בדרא אינעם ענין פון 'חידושי תורה'!". אויך איז געווען איינמאל נאכן רבי'נס הסתלקות, האט רבי נתן געזען דעם רבי'ן אין חלום צוזאמען מיט נאך א צדיק, האט רבי נתן זיך אפגערעדט פארן רבי'ן אויף אלע זיינע יסורים וואס ער האט מיטגעמאכט. האט אין דער רבי מחזק געווען מיט די ווערטער: "אבער מיט דיינע ספרים האסטו גוט געמאכט!". און דער אנדערער צדיק וועלכער איז געשטאנען נעבן דעם רבי'ן האט אויך צוגעשטימט און געשאקלט מיטן קאפ: "יא, יא! זייער גוט געמאכט!". האט רבי נתן געפרעגט דעם רבי'ן: "ווער איז דאס דער צדיק?!". האט דער רבי געענטפערט: "דאס איז משה רבינו!".

דער געבוי פון ליקוטי הלכות איז א צוזאמשטעל פון דער הלכה אין שולחן ערוך וואס רבי נתן האט דעמאלט געלערנט לויט זיין סדר פון דורכלערנען שולחן ערוך כסדר – צוזאמענגעשטעלט אינאיינעם מיט דער תורה אין ליקוטי מוהר"ן מיט וואס רבי נתן איז דעמאלט געגאנגען. אויך איז עס צוזאמגעשמאלצן מיט דער סדרה פון יענע וואך אדער דער יום טוב אויף וואס מען האט זיך דעמאלט געגרייט. אזוי אויך מיט פסוקים אין נ"ך וואס רבי נתן האט פונקט דעמאלט געלערנט, און זומער ווערט אויך אריינגעטייטשט אסאך משניות פון פרקי אבות. אזוי אויך, זעט מען אסאך מאל געוויסע פאסירונגען וועלכע האבן דעמאלט פאסירט; ווי למשל: רבי נתן'ס נסיעה קיין ארץ ישראל, רבי נתן'ס דחקות און צרות, מחלוקת און מניעות, ישועות און הרחבות, חתונות און בר מצוה'ס, הספדים און יארצייטן וכדומה.

'אמונה בתשובה' - אז א מענטש - אין וועלכן מצב ער איז נאר אריינגעפאלן - זאל ער גלייבן אז ער קען נאך תשובה טון! ער זאל זיך נישט מייאש זיין, נאר גלייבן אז ער האט נאך א האפענונג צו זיין אן ערלעכער איד!

די דרושים פון 'ליקוטי הלכות' פלעגט אויך רבי נתן רעדן ביי שלש סעודות און ביי מלוה מלכה וואו ער פלעגט רעדן יעדע וואך פייערדיגע דיבורים פון התעוררות און התחזקות. די מענטשן וועלכע פלעגן זיצן דארט האבן מעיד געווען, אז ווען רבי נתן פלעגט איבערזאגן א פסוק פון תנ"ך איז עס ארויס פון זיין מויל מיט אזא מין שטארקע און רופנדע שטימע אז עס האט זיך געדוכט אז מען הערט דא ווי דער נביא אליינס שרייט עס יעצט אויס! און ווען ער האט גערעדט פון דער עבודה פונעם כהן גדול אין קדשי קדשים האט זיך געדוכט פארן צוהערער אז מען טוט זיך יעצט אן די 'בגדי לבן' און מען גייט אריין לפני ולפנים.

רבי נתן האט זיך געהאלטן געטריי צום רבי'נס אנזאג, און וואו עס איז נאר געקומען צו א נושא פון 'אמונה', האט ער זיך צוברייטערט און נישט געקארגט קיין ווערטער. אין דער קאטעגאריע פון 'אמונה' האט רבי נתן אריינגעלייגט אויך 'אמונה בעצמו' – אז דער מענטש זאל גלייבן אז 'ער'




– אזויווי ער איז – איז באליבט און אנגענומען ביים אויבערשטן! אזוי אויך 'אמונה בתפלה' – אז דער מענטש זאל גלייבן אז דער אויבערשטער איז מתאוה צו זיין תפלה און ער ווערט זיכער אויסגעהערט! אזוי אויך 'אמונה בתורתו ומצותיו' – אז דער מענטש זאל גלייבן אז זיין תורה און מצוות איז גאר שטארק חשוב ביים אויבערשטן און שאפט אים א געוואלדיגן פארגעניגן! אזוי אויך 'אמונה בתשובה' – אז א מענטש – אין וועלכן מצב ער איז נאר אריינגעפאלן – זאל ער גלייבן אז ער קען נאך תשובה טון! ער זאל זיך נישט מייאש זיין, נאר גלייבן אז ער האט נאך א האפענונג צו זיין אן עכטער ערליכער איד! אין דעם איז אויך נכלל, אז דער מענטש זאל גלייבן אז דער אויבערשטער שטייט און ווארט מיט כיסופים אז ער זאל תשובה טון! אין די אלע נושאים איז רבי נתן גאר שטארק מאריך און מרחיב מיט אלערליי סארט הארציגע לשונות וועלכע פארמאגן משונה'דיגע כוחות צו נעמען א פארשטיינערט און פארקלעמט הארץ און אריינטראפן דארטן באלזאם פון חיות און אמונה.

איינע פון די הויפט חידושים פונעם ספר ליקוטי הלכות – וועלכע שטארן דא ארויס מער ווי ביי אנדערע חסיד'ישע ספרים – איז דער צוזאמשטעל פון אויבן מיט אונטן, דער וועלט מיט יענער וועלט, דער פשט מיטן סוד. פון איין זייט לערנט רבי נתן אף יעדן פסוק בפשטות, און טאקע דארט, אינעם פשטות איז ער מגלה וואס עס טוט זיך אפ בפנימיות. ער קוקט אויף די פשוט'ע זאכן וואס פאסירן אין וועלט, און דארט טרעפט ער א שכל און א געדאנק וואס לערנט אונז אויס וויאזוי צו זיין נאנט צום אויבערשטן. די אלע מעשיות און מדרשים פון בריאת העולם, דור המבול, דור הפלגה, די אבות הקדושים, גלות מצרים, יציאת מצרים, ארץ ישראל, בנין הבית, חורבן שני בתי המקדש, תנאים און אמוראים – ווערן נישט אויסגעדרייט פונעם פשוט'ן משמעות, עס איז די זעלבע מעשה, נאר מיט א טיפערן בליק! ער בליקט אריין אין כתבי האר"י און גיבט אונז צו פארשטיין אז מען מיינט דארט אונז! די אלע פרצופים און ספירות – טוען זיך אפ אין אונזער נפש! [פאר א קורצע דוגמא זעה אינעם קעסטל אין דער זייט], מיר זענען עס די הויפט שפילער דערין – נישט דורכן אינזין האבן די שמות – נאר דורכן דורכגיין דאס לעבן וואס מען האט אונז צוגעטיילט – מיט א נאנטקייט צום אויבערשטן! דא טוט זיך אפ א תיקון פונעם שם ס"ג, און דא טוט זיך אפ א תיקון פון שם קס"א! אלעס געשעהט דורך אונזער חיי יום יום.



כלל ישראל האט זוכה געווען צו א מתנה פון אכט בענדער – פול מיט חידושים און לימודים, עס גיסן זיך ימ'ען פון תורה, עצות אין עבודה, חיות פאר דער נשמה, א טעם אין א מצוה, א ליכטיגקייט אין א יום טוב און א געשמאק אין אידישקייט.

טעמו וראו כי טוב ה'!

## דוגמא: הלכות פקדון ד'

רבי נתן נעמט די מצוה פון ספירת העומר און לערנט אפ די פשטות דערפון, וואס טוט מען דא? מען ציילט טעג! פון וועלכן טאג? פונעם טאג וואס מען האט געברענגט א מנחה פון שעורים – גערשטן. וואס איז גערשטן? א מאכל בהמה! קומט אויס, אז דא ברענגט מען ארויס צוויי נקודות, מען ציילט טעג און מען באציהט זיך צו א בהמה. דאס הייסט, אז מען לערנט זיך אויס צו טראכטן און גדענקען אז יעדער טאג איז געציילט! עס איז נישטא קיין איבריגער טאג, און נאכמער, יעדער טאג האט עפעס א געוויסע אייגנארטיגע השגה וואס א מענטש קען דערגיין א נייעם געדאנק – וואס צוליב דעם האט מען עס געציילט און אריינגעלייגט אין זיין קאסטע פון טעג. אבער צו אנקומען דערצו מוז מען זיין ווי א בהמה וועלכע האט נישט קיין שכל, דאס הייסט, וויסן אז איך ווייס נאכנישט און איך זוך צו וויסן.

דערצו קומט צו נאך א נקודה: דער עומר איז געווען דוקא פון מצה. וואס איז מצה? א טייג וואס מען באקט אפ אין איילעניש! דאס ברענגט ארויס, אז ווען א מענטש פארשטייט אז זיינע טעג זענען געציילטע, באקומט ער דעם אייגנשאפט פון זריזות – זיך צו צואיילן און אויסנוצן יעדן טאג.

און דאס איז פשט אינעם אר"י הק' אז יעדן טאג פון ספירה באקומט מען 'מוחין' אין דער 'מלכות'. אינעם נפש מיינט דאס, 'מלכות' איז דער 'ביטול' וואס א מענטש שפירט זיך ווי א בהמה, און ער האט א 'זריזות' אין קאפ – נישט אריינצוקריכן צו טיף אין זאכן וואס וועלן אים נאר פארדרייען דעם קאפ און אוועקנעמען פון נאנטקייט צום אויבערשטן, נאר ער גייט שנעל ווייטער צו טראכטן אנדערע זאכן. וואס דאס ברענגט אויך 'זריזות' במעשה – צו כאפן יעדן טאג וואס ער קען אריינכאפן. און 'מוחין', דאס איז דער שכל און השגה וואס א מענטש דארף יעדן טאג באקומען פונדאסניי אין עבודת ה'.

וואו וויל מען צוקומען מיט ספירה? צו שבועות! וואס איז שבועות? קבלת התורה! וואס איז מען מקריב שבועות? שתי הלחם! דאס מאכט מען פון ווייץ – מאכל אדם און עס איז חמץ! וואס איז שבועות אינעם שפראך פון אר"י הק'? כתר! וואס איז 'כתר' אינעם נפש? פונקט ווי א קרוין איז העכער דעם קאפ, אזוי איז 'כתר' א כח פון 'געדולד' וואס שטעלט אפ די מוחין! איך טראכט נישט ווייטער פון דא! דאס איז דער כח פון 'קבלת התורה' וואס פון איין זייט איז עס א כח פון זיך איינהאלטן נישט ארויסצוגיין פון גדרי התורה און פון צווייטן זייט – ווילאנג עס איז אין די גדרי התורה – טראכט דער מענטש און פארשטייט נאך און נאך! און דאס ברענגט אויך א כח למעשה פון 'חמץ' – זיך פארזוימען, אז ער פארשטייט אז מען קען נישט אנקומען אין איין מינוט צו אלע הויכע מדרגות, נאר מען דארף זיך פארזוימען און ווארטן 'געדולדיג' א לאנגע צייט, ביז מען איז זוכה ארויפצוגיין העכער (עס איז א לאנגע הלכה פון צוויי און פערציג סעיפים, מיר האבן דא געברענגט בלויז א טיפה מן הים אויפן שפיץ גאפל).

און אזוי גייט ער דארט אריין אין נאך פארשידענע נקודות פון ספירה און שבועות, אריינגעטייטשט הערליך אין פסוקים פון נביא. ווען ביי יעדע נקודה איז ער מאריך מיט אן אריכות פון הארציגע דיבורים איבער די התחזקות וואס א מענטש דארף האבן צו ווארטן און ווארטן, און קיינמאל נישט פארלירן האפענונג.

זאל דער קליין דוגמא דינען אלס 'טועמיה', אריינצוברענגען דעם ליינער אין א קביעות'דיגן לימוד אינעם ספר ליקוטי הלכות.



# ליקוטי הלכות: ספר היסוד ביי צדיקי הדורות

**געטריי** צום אנזאג וואס זיין הייליגער רבי האט אים געהייסן, האט רבי נתן שרייבנדיג זיין ספר 'ליקוטי הלכות' – גאר שטארק פארברייטערט דעם שמועס אויף עניני אמונה. עס זענען פארהאן יסודות'דיגע כללים אין אמונה – וועלכע ווערן גאר ווייניג אויסגעשמועסט ערגעץ אנדערש, און אין ליקוטי הלכות גיסט זיך דיבורים אויף דעם און פילן אן בלעטער אויף בלעטער.

נעמט צום ביישפיל: הלכות פסח ז', וואו ר' נתן איז מרחיב א הלכה פון איבער פינף און צוואנציג סעיפים, ווי ער רעדט ארום איבער די 'אמת' וועלכע ברענגט די אמונה, די נסים פון יציאת מצרים און קריעת ים סוף, אז דאס אלעס איז געווען כפשוטו דא אויף דער וועלט, און ער רייסט גאר שארף אראפ די אלע וועלכע ווילן דאס אראפלייגן ווי 'בחינות' און אז עס איז נישט געווען ממש כפשוטו, ר' נתן שפארט נישט קיין טינט צו אויפווייזן אז מען קען זיך נישט נארן אינעם אמת, און די אמונה איז קלאר און שטאנדהאפטיג. ער וויינט ביטערליך איבער די השכלה און זייערע חורבנות וואס זיי ברענגען אן, ער ווארנט יעדן איינעם אוועקצושטיין פון זיי ווי פון פייער און אזוי ווייטער נאך און נאך יסודות אין אמונה.

אדער צום ביישפיל: הלכות דברים היוצאים מן החי ד', וואו ר' נתן שפרייט אויס א הלכה פון איבער פופציג סעיפים איבער גאר וויכטיגע יסודות אין אמונת תורה און מצוות, ווי ער רעדט ארום איבער די תיקונים וואס מצוות טוען אויף, ער שליסט אויס די וועלכע ווילן זאגן אז די מצוות זענען געגעבן געווארן בלויז פאר א נסיון, ער טרעט ארויס גאר שארף קעגן אזא סארט צוגאנג, ער שטעלט אוועק קלאר די אמונה אז יעדע קלענסטע פרט פון יעדע מצוה האט א טעם און מאכט אויס א מורא'דיגן חילוק אין אלע עולמות פון אויבן ביז דא אונטן! און כאטש דער אויבערשטער קען טון אליינס אלע תיקונים – דאך האט ער עס אונז איבערגעגעבן, ווייל ער וויל אז מיר זאלן עס טון! און פון דארט גייט ער אריין אין א גאנצע שמועס איבער 'ידיעה' און 'בחירה', איבער די 'תמימות' וואס א איד דארף האבן אין עבודת ה' און אזוי נאך פארשידענע יסודות אין אמונה.

אדער צום ביישפיל: הלכות ברכת השחר ג', ווי ר' נתן צושמועסט זיך אויף איבער פינף-און-פערציג סעיפים איבער א יסודות'דיגער ענין אין אמונה, אז די אלע כונות וואס די בעלי מקובלים האבן אינזין 'שמות' ביים דאווענען, דארף מען זיין זייער קלאר אז מען רעדט דא דירעקט צום אויבערשטן – וואס ער איז העכער פון אלע שמות, און חס ושלום נישט האבן קיין טעות כאילו מען רעדט צו דעם 'שם' אדער צו יענע 'ספירה' חלילה, צו דעם 'עולם' אדער צו יענע 'מדה' חס ושלום, ווייל מען דאווענט בלויז צום אויבערשטן; ווי מען זאגט ביי 'אני מאמין': "לו לבדו ראוי להתפלל ואין לזולתו ראוי להתפלל".

דאס איז נאר עטליכע דוגמאות פון צענדליגע פלעצער וואו ר' נתן צושמועסט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט איבער פשוט'ע יסודות אין אמונה – וואס מען קען נישט זיין קיין איד אן דעם. און אין דער צייט וואס אין אנדערע ספרים ווערט עס גערעדט בקיצור נמרץ – איז עס ביי ר' נתן שטיקער פייער וואס גליען אויס די אידישע נשמה.

דאס איז מן הסתם די סיבה פארוואס אין גאר אסאך פלעצער – אפילו ארויס פון ברסלב – איז דער ספר ליקוטי הלכות געווען פאררעכנט צווישן די 'ספרי יסוד'. און כאטש עס איז גערדוקט געווארן דערפון ווייניג און עס איז געווען שווער צו באקומען איבעראל, האבן אבער צדיקים געשפירט אז דאס איז א ספעציעלער ספר און האבן פארלייגט וועלטן עס צו פארשאפן, זיי האבן גאר אסאך געפילעוועט דערין און געמאכט זיכער דאס צו לערנען מיט די יונגע קינדער און בחורים, כדי זיי איינצובאקן די ריינע גרונטליכע יסודות פון אמונה. ווי דער הייליגער סקולענער רבי – בעל נועם אליעזר זי"ע האט פארציילט, אז אין רומעניע פלעגט דאס זיין פון די גאר פארשפרייטע ספרים וואס מען האט אסאך געלערנט. און ער אליינס האט באלד ווי ער איז אנגעקומען קיין אמעריקא פארשאפט אלע ספרים פון ר' נתן און עס כסדר געלערנט – בפרט דער ספר 'משיבת נפש', וועלכער איז א ליקוט פון שטיקלעך 'ליקוטי הלכות' אויף עניני התחזקות – האט ער אסאך געלערנט און צוגעשריבן הגהות אין דער זייט; ווי מען קען נאך היינט זען דעם ספר. און אזוי איז באקאנט פון נאך אסאך צדיקים וועלכע האבן אסאך עוסק געווען דערין און ברענגען עס אפילו אראפ אין זייערע ספרים; ווי דער 'דברי ישראל' פון מאדזשיץ זי"ע, דער 'רמתים צופים' פון קאצקער חדר זי"ע, דער בארנובער רב פון ראפשיצער חדר זי"ע און נאך אסאך.



# קמו בניה ויאשרוה...

**די ביאגראפיע און אנטוויקלונג פונעם ערשטן אויפלאגע ליקוטי הלכות**

דאס מערסטע פון אלעם, איז דער ליקוטי הלכות געווען גאר שטארק באליבט און אנגענומען אינעם צאנזער חדר; וויבאלד דארטן איז דער גאנצער קאך געווען ארום דעם 'אני מאמין' און די יסודות האמונה; ווי עס איז באקאנט אז דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט אסאך עוסק געווען אין ספר 'ליקוטי הלכות'; ווי הגה"צ רבי ישראל בערגער בעמח"ס עשר זכיות גיבט איבער זיין התפעלות פון וואס ער האט געזען ביים צאנזער רב זי"ע. און אט וואס ער שרייבט (בכת"י של עשר זכיות): "אין מיינע יונגע יארן ווען איך בין געווען באזוכן ביים אנפי שכינתא רשכבה"ג מו"ה חיים האלבערשטאם זצ"ל, האב איך דארט געזען אין דער שאפע ביים וואנט פון זיין צימער איז געווען די ספרים 'ליקוטי הלכות'. האב איך געפרעגט זיינע נאנטע דערוועגן, האבן זיי מיר געזאגט אז דער רב איז מעיין דערין מערערע מאל, און ר' זלמן גבאי האט מיר געזאגט, אז די ברסלב'ע ספרים זענען גאר שטארק חשוב ביים רב".

אויך זיין זון דער הייליגער שינאווער רב זי"ע האט גאר שטארק נהנה געווען פון לערנען ליקוטי הלכות; ווי מען זעט פון דער פאקט אז ווען עס איז ארויסגעקומען דער תהלים'ל 'שערי פרנסה טובה' – וועלכע איז א פירוש אויף תהלים על פי חסידות – האט דער שינאווער רב גע'עצה'ט פאר זיינע חסידים צו זאגן תהלים דערין יעדן טאג, און ער אליינס פלעגט לערנען דערין יעדן טאג בעפארן דאווענען. און דער תהלים'ל איז ממש געבויעט גאר שטארק אויף ליקוטי הלכות; ווי מען זעט אז כאטש וואס ער ברענגט אראפ פון אסאך חסיד'ישע ספרים, אבער בלויז ביי צוויי ספרים ווערט דער מחבר צוקאכט און רופט זיי 'ספר הקדוש והנורא', דאס איז ביי 'נועם אלימלך' און 'ליקוטי הלכות'. אסאך מאל ברענגט ער אויך אראפ פון ספר 'עצת שלום' – וואס דאס איז דער קיצור פון אלע עצות פון 'ליקוטי הלכות', און יעדעס מאל לייגט ער נאכדעם צו זיין מורא'דיגע התפעלות פון דעם ספר, און ער הייסט מען זאל קוקן אינעווייניג, ווייל דאס איז א מורא'דיג ספר. און אויב דער שינאווער רב האט אזוי שטארק מחבב געווען דעם תהלים, איז מסתבר אז דאס איז צוליב זיין חביבות צום ליקוטי הלכות.

אזוי אויך דער קדושת יום טוב זי"ע, וועלכער איז געווען א צאנזער חסיד, האט אסאך געלערנט ליקוטי הלכות, און ער האט עס אויך געלערנט מיט זיין זון דער הייליגער סאטמאר רב זי"ע – נאך בעפאר די בר מצוה, כדי אריינצובאקן די אמונה הטהורה אין אים. און לויט געוויסע גירסאות האט ער אפילו געענדיגט דעם גאנצן ספר בעפאר די בר מצוה. דער סאטמאר רב אליינס, פלעגט שפעטער אויך אסאך לערנען 'ליקוטי הלכות' און עס איז אפט געלעגן אויף זיין טיש.

דער הייליגער רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע וועלכער איז געווען א חסיד פונעם הייליגן צאנזער רב זי"ע, האט אויך געלערנט און זיך געקאכט אין ליקוטי הלכות, און עד היום הזה געפינט זיך א ספר ליקוטי הלכות מיט זיין חתימה.

אינעם היינטיגן דור – וואס עס הערשט אזא אומקלארקייט אין אזויפיל יסודות האמונה, איז גאר וויכטיג צו לערנען און חזר'ן די שטיקלעך ליקוטי הלכות וואו ר' נתן ברייטערט אויס און שטעלט אוועק קלאר אלע יסודות – אויף אן אופן וואס מען קען נישט קיין טעות האבן און מען קען נישט בלייבן ווייטער אין צומישעניש; ווי עס זאגן עדות אזויפיל אידן וועלכע האבן געליטן פון קושיות און בלבולים אין אמונה, און קיין שום ספר האט זיי נישט געהאלפן ארויסקריכן דערפון, ביז זיי זענען אנגעקומען צו ליקוטי הלכות, וואס דאס האט פשוט אוועקגעבלאזן אלע בלבולים און זיי אריינגעבלאזן א ריינע ליטערע אמונה.

אצל העולם אמונה הוא דבר קטן, ואצלי אמונה הוא דבר גדול מאוד. (שיחות הר"ן סי' ל"ד).

## כ"ו סיון ה'תקע"ו: וואספארא סארט דאגות באשעפטיגן רבי נתן?

"אויב איך מעג אייך פרעגן, פארוואס זעט איר אויס אביסל פאר'דאגה'ט היינט?! וואס איז היינט געשען?!" – ווענדט זיך ר' שמעלקא – אן איינוואוינער פון שטאט ברסלב צו רבי נתן'ען ווען ער איז גאר שטארק מעריץ, שטייענדיג מיטוואך אינדערפרי נאכן דאווענען אינעם שטאטישן שול.

"הער מיר צו, איך האב זיך היינט מתבונן געווען אינעם מצב פון מיינע 'כתבים' וואס איך שרייב שוין פאר איבער צען יאר, יעדן טאג בין איך עפעס מחדש אין תורה און איך שרייב עס אפ, און עס האבן זיך שוין אנגעזאמעלט אזויפיל העפטן און ביכלעך פול מיט חדושי תורה. אבער ביז דערווייל ווייס איך נישט וואס עס וועט דא זיין מיט דעם, איך ווייס נישט צי איך זאל עס בכלל דרוקן, און אויב יא 'ווען' און 'וויאזוי', פון וואו נעם איך דאס געלט דערפאר און אזוי ווייטער. די אלע שאלות דערקוטשען מיר שוין א לענגערע צייט און לאזן מיר נישט מנוחה!".

"דער אויבערשטער זאל העלפן אז איר זאלט קיינמאל נישט האבן קיין ערגערע דאגות פון דעם" – ווינטשט זיך ר' שמעלקא אביסל. מיט א גריס פון 'א גוטן טאג' גייט ער ארויס פון שול צו זיינע געשעפטן.

## כ"ז סיון ה'תקע"ו: דער חלום...

"וואס איז געשען מיט אלע אייערע דאגות פון נעכטן?! איך זעה עפעס היינט א ספעציעלע אויפגעלייגטקייט אויף אייך, וואס איז היינט געשען?" – פרעגט ר' שמעלקא דעם קומענדיגן אינדערפרי נאכן דאווענען – טרעפנדיג רבי נתן'ען אין א גאר גוטע גיסטע.

"איר ווילט באמת הערן? דאן לייגט אראפ אייער זעקל און זעצט אייך אראפ, וועל איך אייך דערציילן דעם אורזאך פון מיין גוטע געמיט היינט!" – זאגט אים רבי נתן.

ר' שמעלקא ווערט נייגעריג ער זעצט זיך אראפ און שפיצט אן צוויי אויערן, נישט צו פארפאסן קיין איין ווארט פון רבי נתן. "היינט פארטאגס האב איך זיך גע'חלומ'ט ווי איך זעה מיין הייליגער רבי זכר צדיק לברכה – וועלכער לעבט שוין נישט פאר איבער פינף יאר, און איך האב אים געפרעגט: "רבי, איר האט מיר געהייסן שרייבן חידושים, און איך האב אייך געפאלגט, איך שרייב און שרייב. אבער איר האט מיר נישט געזאגט וואס צו טון נאכדעם דערמיט, זאל איך עס פארברענען אין פייער צי זאל איך עס דרוקן?". האט מיר דער הייליגער רבי געענטפערט: "ניין, דו זאלסט עס נישט פארברענען! מען וועט עס דרוקן! אבער נישט אויפאיינמאל, נאר צוביסלעכווייז, צוביסלעכווייז!".

"נו, פארשטייט איר ר' שמעלקא וואספארא רואיגקייט איז מיר באפאלן נאכן הערן פון מיין רבי אזא קלארע הוראה?! איך בין שוין מער בכלל נישט באזארגט וואס צו טון ווייטער. איך שרייב ווייטער, און דער אויבערשטער וועט שוין העלפן אז עס וועט געדרוקט ווערן אין דער ריכטיגער צייט!".

•

## ה'תקס"ה - ה'ת"ר: א בארג פון געשריבענע אומליינבארע העפטן

די יארן לויפן און ימ'ען פון חידושי תורה פליסן דורך רבי נתן'ס הייליגער מח און פילן אן הויפענעס פאפיר, צענדליגע פרישע העפטן ווערן יערליך ארויפגעטראגן געווארן אויפן בוידעם – שאפנדיג א בארג פון העפטן, אלטע חידושים מיט נייע חידושים, יעדע העפט פארצייכנט מיט א דאטום פון א יאר און אויף וועלכן חלק אין שולחן ערוך דאס איז באזירט, 'אורח חיים' אדער 'יורה דעה', 'חושן משפט' אדער 'אבן העזר'.

ביז דערווייל איז נישטא קיין זכר פון דרוקן די ספרים, די בלעטער זענען געשריבן געווארן אזוי שנעל, אז עס איז ניטאמאל מעגליך עס צו געבן צום דרוק אזויווי עס שטייט און גייט, ווייל דער דרוקער וועט עס נישט קענען אפליינען. מען מוז דא האבן איינעם וועלכער פארשטייט צו רבי נתן'ס שריפט אז ער זאל עס איבערשרייבן מיט א קלארן שריפט אז דער דרוקער זאל עס קענען פארשטיין און אויסשטעלן צום דרוק. אבער ווי געזאגט, איז רבי נתן זייער רואיג אז ווען די צייט וועט קומען, וועט עס ווערן געדרוקט.

## ת"ר: דער תלמיד זאגט 'הנני'

נאך א יאר און נאך א יאר, עס איז שוין אריבער מער ווי צוואנציג יאר פון יענעם חלום.

געווען איז דאס איין שיינעם טאג נאכן דאווענען, ווען ר' נתן'ס געטרייער תלמיד ר' נחמן טולטשינער איז צוגעקומען צו ר' נתן און געבעטן אז ער וויל מיט אים עפעס רעדן. "איך זעה אז אויפן בוידעם געפונען זיך אזעלכע אוצרות פון חידושי תורה וועלכע קענען אויפלייכטן די וועלט! פארוואס דרוקט מען עס נישט? איך בין גרייט צו פארן קיין לעמבערג און עס דארט דרוקן!".

"ריכטיג טאקע אז דאס קען באלייכטן אזויפיל אידן, אבער מען האלט נאכנישט ביים דרוקן, מען דארף עס נאך קודם איבערשרייבן מיט א קלארן שריפט!" – ענטפערט אים רבי נתן.

"איך בין מסכים צו נעמען אויף מיר דעם עול פון איבערשרייבן אלע כתבים!" – רופט זיך אן ר' נחמן טולטשינער מיט א זיכערקייט און גרייטקייט.

"אבער פון וואו וועסטו האבן פרנסה? איך האב נישט קיין געלט דיר צו באצאלן דערפאר!".

"איך דארף נישט קיין איין פרוטה דערפאר! דער אויבערשטער וועט מיר שוין געבן א שטיקל ברויט און וואסער – דורכצושטופן די פאר יאר וואס עס וועט דויערן צו איבערשרייבן!".

## געמוזט אראפלייגן דעם פעדער פונעם גרויסן שיין וואס האט אים באנומען

רבי נחמן טולטשינער האט זיך נישט געפוילעצט, תיכף ומיד האט ער זיך אראפגעזעצט און אנגעהויבן איבערשרייבן די אכט בענדער 'ליקוטי הלכות' ווארט ביי ווארט. צוביסלעך האט ער אנגעפילט נאך א פאפיר און נאך א פאפיר מיט א שיינעם קלארן שריפט מיט וואס ער איז באשאנקען געווארן – ווען בשעת'ן שרייבן לעבט ער מיט די אלע חידושים און געדאנקען וואס ווערן דארט ארויסגעברענגט, וועלכע נעמען אים ממש ארויס פון די כלים פון גרויס זיסקייט און ליכטיגקייט. רבי נחמן אליינס האט זיך שפעטער אויסגעדרוקט פאר זיין זון ר' אברהם: "אסאך מאל האב איך געשפירט ווי עס שיינט מיר אזא מין געטליכן געפיל, אז איך האב געמוזט אוועקלייגן די פענע און אויפהערן צו שרייבן פאר א ווײַלע!".

נאך עטליכע יאר פון ארבעטן נאכאנאנד האט ר' נחמן געענדיגט די ארבעט בשלימות און אלע אכט בענדער 'ליקוטי הלכות' זענען געווען שיין אפגעשריבן און גרייט צום דרוק. ווען ר' נחמן האט אריינגעברענגט צו רבי נתן'ען די אלע פארטיגע בענדער, האט אים ר' נתן געפרעגט נאר איין שאלה: "האסטו געפילט אין מיינע ספרים 'התנוצצות אלקות'?!". האט אים ר' נחמן געענטפערט: "יא!".

כאטש וואס דער גאנצער סעט 'ליקוטי הלכות' איז שוין גרייט צום דרוק, איז אבער נישטא קיין הוה אמינא אז מען וועט יעצט קענען דרוקן דעם גאנצן סעט – צוליב די ריזיגע הוצאות מיט וואס דאס איז פארבינדן. דער געטרייער ר' נחמן טולטשינער איז מחליט אז ער וועט זיך ארויסלאזן און דרוקן דעם ערשטן באנד 'ליקוטי הלכות' אויף 'אורח חיים'.

## חורף ה'תר"ג: מען לאזט זיך ארויס דרוקן דעם ערשטן באנד ליקוטי הלכות

עס איז שוין דעמאלט געווען אין יאר תר"ג – צוויי יאר בעפאר רבי נתן'ס פטירה – און זיבן-און-צוואנציג יאר נאך דער אויבנדערמאנטער חלום, וועלכע איז געווען כ"ז ניסן תקע"ו – ווען רבי נחמן טולטשינער האט זיך ארויסגעלאזט קיין רומעניע צו דער שטאט 'יאס' צו דרוקן דעם ערשטן באנד ליקוטי הלכות. ר' נתן – וועלכער איז אליינס געווען א גרויסער ארימאן – האט אים געגעבן גאר ווייניג געלט אויף די שפעזן, אויף וואס ר' נחמן האט גאר שטארק געקארגט און געשפארט, וואס דעריבער איז ער א גרויס חלק פונעם וועג געגאנגען צופיס – אינמיטן דעם קאלטן אוקריינישן ווינטער! און צו דעם האט ער ניטאמאל פארמאגט קיין געהעריגע שיך, נאר זיין פוס איז געווען ארומגעבינדן מיט שמאטעס! אויך קיין ווארימער מאנטל האט ער נישט פארמאגט! און אט מיט אזא מסירת נפש, הונגעריג און קאלט, אין די רעגן און שנייען, איז רבי נחמן געגאנגען מיט א ברענענדיג הארץ צו



# „מען וועט עס דרוקן! אבער נישט אויפאיינמאל, נאר צוביסלעכווייז, צוביסלעכווייז!".

דרוקן דעם ערשטן באנד 'ליקוטי הלכות' וועלכע וועט אויפלייכטן די וועלט.

איידער ר' נחמן האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג – זיך געזעגנענדיג פון ר' נתן – האט זיך ר' נתן אנגערופן: "צו די מענטשן וועלכע ווייסן נישט אז איין טאג וועלן זיי דארפן ליגן מיט די פוס צו דער טיר – צו זיי רעד איך גארנישט! נאר די מענטשן וועלכע ווייסן יא אז זיי וועלן ליגן מיט די פוס צו דער טיר, און זיי ווייסן יא אז מען וועט זיי מאנען אויף יעדע זאך און זיי וועלן דארפן אפגעבן א 'דין וחשבון', קענען זיי דאך ביי זיך אראפפאלן, האב איך געמאכט פאר זיי מיין ספר וועלכער וועט זיי מחזק זיין!".

אינדערהיים האט ר' נחמן איבערגעלאזט א שטוב מיט קינדער – פאר וועמען רבי נתן האט זיך געזארגט. דורכאויס די גאנצע צייט וואס ר' נחמן איז געוועזן אונטערוועגנס, האט ר' נתן זיי געשיקט יעדע וואך פיר גילדן. אזוי אויך, האט ער איר געלאזט אויפנייען א קלייד אויף פסח. שפעטער ווען ר' נחמן איז אהיימגעקומען, האט זי זיך בארימט פאר אים, אז זי האט נאך קיינמאל אין איר לעבן נישט געהאט אזא שיינע קלייד אויף יום טוב.

נאכן פארברענגען חדשים לאנג אויף די וועגן, איז ענדליך ר' נחמן אנגעקומען קיין יאס, וואו ער האט טאקע צו זיין גרויס פרייד מצליח געווען צו דרוקן דעם ערשטן באנד ליקוטי הלכות. און נאך פסח האט ער זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג צוריק – מיטברענגענדיג מיט זיך די נייע ספרים וועלכע זענען נארוואס ארויס פון דרוק.

## סיון ה'תר"ג: דער באגאדש פון ספרים קומט אן קיין ברסלב

הארט בעפאר שבועות איז ער אנגעקומען נאנט צום גרעניץ, און ער האט זייער געהאט חשק דורכצוגיין דעם גרעניץ מיט די ספרים און נאך אנקומען אויף שבועות קיין ברסלב מיט די ספרים, כדי אז דער עולם וועלכע קומט זיך צוזאם אויף שבועות ביי רבי נתן'ען זאלן קענען קויפן דעם נייעם ספר. אבער צו זיין מזל האט ער געהערט א שמועה, אז דער גרעניץ איז יעצט זייער שטרענג און מען אונטערזוכט יעדן פעקל וואס מען טראגט דורך. נישט וועלנדיג איינשטעלן, אז מען זאל אים חלילה צוכאפן אלע ספרים איז ער צוריקגעפארן צו א דערפל וועלכע איז א צוואנציג קילאמעטער ווייט פונעם גרעניץ.

נאכן דאווענען פרייטאג צונאכט האט א איד געזען ווי א גאסט בלייבט אין בית המדרש, איז ער צוגעגאנגען און אים איינגעלאדנט צו דער סעודה. בשעת'ן עסן, האט ר' נחמן געהאלטן אין איין רעדן פייערדיגע און הארציגע דיבורים – וועלכע איז אים געפלאסן אין די אדערן נאכן איבערשרייבן די אלע אכט בענדער ליקוטי הלכות. דער איד איז אזוי נתפעל געווארן פון די דיבורים, און זיך אנגערופן צו ר' נחמן: "פון וואנעט נעמט איר אזעלכע דיבורים?! איך האב נאך אין מיין לעבן נישט געהערט אזעלכע דערקוויקנדע ווערטער!". "אט די דיבורים נעם איך פון די ספרים וועלכע איך האב דא מיט מיר – וואס צוליב פחד פונעם גרעניץ בין איך צוריק געקומען אהער!" – האט ר' נחמן געענטפערט. דער איד וועלכער איז געווען צופלאמט פון די מורא'דיגע דיבורים וואס ער האט ערשט יעצט געהערט, האט זיך אנגערופן: "וואס? מיט אזעלכע ספרים האט איר נאך מורא?! מיט אזעלכע ספרים וואלט איך אריבערגעגאנגען דעם גרעניץ אינמיטן טאג אן קיין שום פחד!".

הערנדיג אזא שטארקן אויסדרוק פון דעם איד, איז ר' נחמן נתעורר געווארן, און תיכף נאך שבת איז ער טאקע דורכגעגאנגען דעם גרעניץ מיט אלע ספרים און מען האט אים גארנישט אפגעשטעלט און אונטערזוכט.

נאכן זיין אפוועזנד א דריי-פערטל יאר איז ר' נחמן צוריק אהיימגעקומען מיט די ספרים 'ליקוטי הלכות' – אורח חיים חלק א', צום גרויסן פרייד פון ר' נתן און פון אלע חסידים ואנשי מעשה. און מיט דעם איז מקויים געווארן דער דיבור פונעם רבי'ן: "מען וועט עס דרוקן צוביסלעכווייז, צוביסלעכווייז".

•

## ה'תרי"ד: אין טיראהוויצע צופלאקערט זיך א פייער

איבער צען יאר זענען פאראיבער. עס איז שנת תרי"ד לפ"ק. דער הייליגער רבי נתן געפונט זיך שוין בעולם שכולו טוב, און זיינע איבריגע כתבים – וועלכע זענען שוין איבערגעשריבן און גרייט צום דרוק – ליגן אויבן אויפן פייכטן בוידעם און הייבן שוין אן צו שימלען. קיינער, נישט ר' נתן'ס קינדער און נישט ר' נתן'ס מענטשן, פארמאגן די ריזיגע סומעס פון געלט וואס מען דארף האבן אויף צו דרוקן אזויפיל בענדער פון ספרים. זיצט עס אין בוידעם און ווארט אויף א ישועה.

פאסירט איין טאג, רבי נחמן טולטשינער איז פונקט אין אומאן ביים רבי'נס ציון, און אט באגעגנט ער רבי נפתלי – איינע פון די גרויסע תלמידים פונעם רבי'ן. רבי נפתלי פריידט זיך צו ר' נחמן'ען און ער רופט זיך אן צו אים: "נחמן, אין שטאט טירהאוויצע האט אנגעהויבן אויפצולעבן דעם רבי'נס זאך, פאר אהין צו זיי!". ר' נחמן פאלגט און פארט אהין.

אנקומענדיג צום דארף נעבן טירהאוויצע טרעפט ער שוין אן דארט א גאנצע חבורה פון פרישע מקורבים, אינגעלייט וואס זייער הארץ ברענט זיי צום אויבערשטן. ר' נחמן בלייבט דארט פאר אכט טעג – אין וואס ער רעדט און רעדט צו זיי געוואלדיגע דיבורים טאג און נאכט.

די חבורה זענען געווארן אזוי שטארק צוגעצויגן צו ר' נחמן'ען, אז ביים זיך געזעגענען פון אים, האבן זיי אים באגלייט ביזן וואגן, און גערעדט מיט אים נאך און נאך, ביז זיי שפירן אז ניין! מען קען זיך נאכנישט געזעגענען!... זיי פארבעטן אים צו פארבלייבן מיט זיי נאך א וואך. ער איז מסכים און ער פארבלייבט דארט אויף נאך אכט טעג. ווייטער רעדט ער מיט זיי טאג און נאכט, ער איז מחזק און מעורר, און זיי באלעקן זיך מיט יעדעס ווארט. נאך דער צווייטער וואך, חזר'ט זיך נאכאמאל איבער די זעלבע זאך, מען קען זיך נישט געזעגענען, ביז מען שיקט אוועק דעם וואגן און ער פארבלייבט דארט אויף א דריטע וואך.

## התרי"ד: די איבריגע בענדער 'ליקוטי הלכות'

נאך דריי פולע וואכן – אין וועלכע זיי האבן זיך אנגעזעטיגט די נשמה מיט אזויפיל ליכטיגע דיבורים – שטייענדיג ביים אהיימפארן, פרעגן זיי אים: "רבי נחמן, פון וואו נעמט איר די אלע אוצרות?! איר האט דאך א קוואל אין הארץ וואס קוועלט אן אויפהער! פון וואנעט קוועלט דאס?". הערנדיג די שאלה, איז רבי נחמן געווארן צוקאכט... ער האט דאך געהאט א געוואלדיגן געפיל אין רבי נתן'ען וואס מען קען זיך נישט אויסמאלן. האט ער זיך אנגערופן צו זיי: "די אלע דיבורים וואס איך האב גערעדט איז פון די העפטן 'ליקוטי הלכות' וואס ליגט אויבן אויפן בוידעם! רבי נתן איז נפטר געווארן און זיינע כתבים ליגן אויפן בוידעם און הייבן אן שימלען! מען דארף האבן געלט עס צו דרוקן!". די אינגעלייט וועלכע זענען געווען אונטערן טיפן איינדרוק פון די דריי וואכן מיט ר' נחמן'ען – האבן ספאנטאניש געפרעגט: "וויפיל דארף צו קאסטן דאס צו דרוקן?!". האט ר' נחמן געענטפערט: "בערך דריי הונדערט זילבערנע רובל". דאס איז געווען א גאר גרויסע סומע געלט. אויפן פלאץ גיבט זיך ר' סענדער פון טירהאוויצע א שטעל אויף, ער נעמט ארויס א הונדערטער און זאגט: "דאס גיב איך אייך אלס 'איינגאבע'! ווען איר וועט אנהייבן דרוקן – וועל איך געבן נאך הונדערט! און ווען איר וועט ענדיגן – וועל איך געבן נאך הונדערט!".

פון דארט איז ר' נחמן געפארן קיין טשעהרין – וואו עס האבן געוואוינט פארמעגליכע ברסלב'ע חסידים און האט זיי אויפגעפאדערט: "פרישע מענטשן, וועלכע האבן קוים אויף פרנסה – געבן אוועק א פארמעגן פון דריי הונדערט רובל, און ענק שלאפן?!". דורכדעם איז דארט אויך געווארן א התעוררות, און ר' נחמן האט צוזאמגעקליבן א שיינעם סכום.

ר' נחמן האט זיך באלד גענומען צו דער ארבעט, און ביז פיר יאר – אויף שנת תרי"ח – איז שוין געווען געדרוקט אלע איבריגע זיבן בענדער 'ליקוטי הלכות' וואס מיר האבן ביזן היינטיגן טאג.

"מען וועט עס דרוקן! אבער נישט אויפאיינמאל, נאר צוביסלעכווייז, צוביסלעכווייז!".



# ובהיכלו

## דער הייליגער בית יוסף מיט רבי נתן'ען

״די לויה פון רבי יצחק שטערנהארץ פון טולטשין וועט ארויס גיין פון טהרה שטיבל אום צען א זייגער פארמיטאג״ – האט זיך געהערט די שטימע פונעם אלטן שמש איבער די געסלאך פון אלטשטאט צפת עיה״ק, וועלכע האט אויסגערופן איבער די לויה פונעם צדיק און עובד ה' ר' יצחק שטערנהארץ זצ״ל – וועלכער איז געקומען דא אהער פאר ווייניגער ווי צוויי יאר צוריק, און זיך באזעצט דא אין שטאט.

געווען איז דאס א פשוט'ער טאג אינעם אור אלטן ישוב אין צפת. עס איז טאקע נישט קיין גרינער דינסטאג היינט, ווייל עס איז דאך א יומא דפגרא, עס איז דאך היינט 'פורים קטן' אויף וואס דער רמ״א שרייבט אז מען זאל מרבה זיין בסעודה קצת. אבער פארט איז נישטא קיין גרויסער מצב אין אזא טאג.

הערנדיג דאס קלאפעריי אויפן טיר ערוועקט זיך ר' זאנוויל פון שלאף. נאך בעפארן עפענען, דערקענט ער שוין פונעם ריטעם פונעם קלאפן, אז דאס איז דער שמש וועלכער קלאפט. ״אוי, מן הסתם איז שוין ווידער דא א לויה און אלס דער פירער פון דער חברא קדישא דארף איך גיין אויפן בית החיים און אויסגראבן א קבר פארן נפטר״ – טראכט ער צו זיך, בשעת ער שפאנט זיך געמיטליך צום טיר און עפנט אויף. ביים טיר שטייט טאקע דער שמש און מעלדט אים איבער דעם פרישן נפטר ר' יצחק שטערנהארץ וועלכער איז געקומען אהער פון טולטשין און איז היינט נפטר געווארן. ר' זאנוויל כאפט א בליק אויפן הימל און א שווערקייט לאזט זיך אראפ אויף אלע ביינער. ״אך, א לויה אין אזא מין וועטער? אין דעם שלאקס רעגן וועלכע באכוועט מיט עמערס וואסער וועל איך דארפן שטיין און גראבן א קבר?״. אבער ר' זאנוויל איז אן ערליכער און געטרייער חברה קדישא מאן, ער טוט זיך אן און גרייט זיך ארויסצוגיין אויפן פעלד.

די שטאט צפת איז נישט געוואוינט און אויסגערישט פאר אזעלכע שווערע שטורעמס און זאווארוכעס. ווייל אזא מבול פון רעגן איז א זעלטנהייט אין שטאט. דעריבער זענען טאקע די גאסן פון שטאט כמעט ליידיג היינט, יעדער זיצט זיך אינדערהיים אדער אין בית המדרש, די אומוויכטיגע קלייטן זענען פארמאכט און דער מארק איז ווי אפגעשטארבן.

אט אין דעם וועטער שלעפט זיך ר' זאנוויל צוזאמען מיט זיינע צוויי געהילפן מיט די שאוולען אויפן רוקן, מאכנדיג זייער וועג צום בית החיים. זייער קערפער ווערט איינגאנצן באנעצט פון אויבן ביז אונטן פונעם שלאקס רעגן, אבער זיי שטעלן זיך נישט אפ פאר גארנישט, 'חסד של אמת' איז פאר אלעם, מען טאר דאך נישט אויפהאלטן א מת. די דריי חברה קדישא לייט קומען ארויף אויפן בארג פונעם בית החיים – וואו עס ליגן אזעלכע גאוני און צדיקי עולם ווי דער הייליגער אר״י הק' און דער בית יוסף און נאך צענדליגע צדיקים וקדושים – און זיי הייבן אן צו זוכן א פאסיגן ארט וואו צו גראבן א קבר פארן פרישן נפטר.

אין דער זעלבער צייט קומען זיך צוזאם ארום די מטה די נאנטע פריינט פונעם נפטר, וועמען ער האט ערווארבן דורכאויס די לעצטע איינס-און-אהאלב יאר – זינט ער האט זיך אהערגעצויגן סוף זומער תרכ״ח. קיין הספדים פראוועט מען נישט היינט, וויבאלד די הלכה זאגט אז 'פורים קטן' איז מען נישט מספיד. אבער אין הארץ וויינט יעדער איינער אויף אזא ערליכער איד און צדיק וועלכער איז נפטר געווארן אין יונגן עלטער פון צוויי-און-זעכציג יאר. איין חבר פארציילט איבער זיין דאווענען מיט א ברען און מיט אלע כוחות, איין שכן פארציילט איבער זיין 'חצות' וועלכע ער פלעגט אונטערהערן יעדע נאכט, ווי ער פלעגט וויינען מיט בכיות נוראות אויף צער השכינה. און דער אנדערער שכן פארציילט איבער די חסדים און צדקות וואס ער פלעגט פארטיילן באהאלטענערהייט, און ווי ער פלעגט אים אונטערווארפן א פעקל אויף שבת צו מאכן. זיינע חברים פארציילן איבער זיין התמדה אין תורה, ווי ער פלעגט זיין בקי אין ש״ס און ער פלעגט לערנען מיט א פלייס. אזוי פארציילט יעדער איינער איבער דעם געוואלדיגן מענטש וועמען צפת האט פארלוירן.

דער דורכגענעצטער ר' זאנוויל קריכט פון איין קבר צום צווייטן – באטראכטנדיג די ליידיגע ערטער וועלכע זענען נאך פארבליבן אויפן בית החיים,

ווען פלוצלינג שטרויכלט זיך זיין פוס אין א גרויסן ברעט. ר׳ זאנוויל איז שיעור נישט אריינגעפאלן אינעם אפענעם קבר וועלכע האט זיך אויפגעעפנט אונטער זיינע פיס... צו זיין גרויס וואונדער ענטדעקט ער אונטער דעם ברעט א גרייט געגראבענער קבר גרייט אריינצולייגן א נפטר און אים צודעקן מיט זאמד. צו זיין פראגע פארציילט אים זיין העלפער ר׳ משה, אז דעם קבר האט ער אויסגעגראבן פאר א וואך צוריק, כדי עס זאל זיין גרייט טאמער עס וועט זיך מאכן אז מען דארף אמאל האבן א גרייטער קבר אין איילעניש ווי ערב שבת נאנט צום זמן וכדומה. און ער האט עס צוגעדעקט מיט א ברעט אז מען זאל נישט אריינפאלן דערין.

"נו, אפשר לאמיר טאקע דא באערדיגן דעם פרישן נפטר?" – רופט זיך אן ר׳ זאנוויל וועלכער איז שוין מיד פון קריכן און זוכן אין אזא וועטער. "צו דארפן שטיין און גראבן א קבר אין אזא רעגן, איז בכלל נישט פון די לייכטע זאכן! פאר אזא צייט איז זייער פאסיג צו נוצן א גרייטער קבר, ניין?". "איך בין גערן מסכים – ענטפערט דער דריטער חברה קדישא מאן ר׳ יאסל – איך וויל זיך שוין אויך זען אינדערהיים, אבער גיב א קוק וואו דו שטייסט דא! דו ביסט דאך דא ממש הארט נעבן דעם קבר פון מרן הבית יוסף זכר צדיק וקדוש לברכה! צי איז דער נפטר א ׳בר הכי׳ אים צו באערדיגן אין אזא חשוב׳ן מקום?!". אלע דריי בלייבן שטיין אויפן ארט פארטראכט, זיי שפירן אפילו נישט די שנירלעך וואסער וועלכע טראפט נאכאנאנד אראפ פון זייערע פאות און בארד, זייער גאנצע מחשבה איז יעצט קאנצענטרירט איבער די דאזיגע שאלה: "פון איין זייט, איז ר׳ יצחק שטערנהארץ געווען א גאר חשוב׳ער איד, אן אפגעהיטענער און ערליכער, א חסיד און א צדיק – ווען עס קומט א שיינעם מקום קבורה, אבער פון צווייטן זייט, געווענליך לייגט מען נישט אין אזא פלאץ אבי ווער – אפילו טאמער יענער איז א וואוילער מענטש – א חוץ טאמער יענער איז עפעס א משפחה מיט בית יוסף, אדער ער איז א גרויסער רב און פוסק וועלכער האט גע׳פסק׳נט שאלות לויטן ׳שולחן ערוך׳ וואס דער בית יוסף האט געשריבן, וואס דעמאלט האט ער עפעס א שייכות מיטן בית יוסף און עס געהער אים צו לייגן נאנט צום בית יוסף, אבער סתם אזוי, א חשוב׳ער און ערליכער איד, איז נאכנישט קיין סיבה פארוואס אים צו לייגן אויף אזא פארכטיגער פלאץ אזוי נאנט צום בית יוסף".

"איר ווייסט וואס? – רופט זיך אן ר׳ זאנוויל – לאמיר דארט צוגיין צו דער לויה און פרעגן די שאלה פון זיינע נאנטע און גוטע באקאנטע פריינט".

נאכן פארלייגן די שאלה פאר זיי און גוט אויסשמועסן אלע צדדים דערין, טרעט צו ר׳ שמואל – איינער פון די נאנטע צום נפטר – און בעט דעם רשות הדיבור. נאכן באקומען דעם רשות, רופט ער זיך אן: "מורי ורבותי, איך האב עפעס א שטיקל אינפארמאציע וועלכע קען אויפדרינגען דעם גאנצן סאמעטוכע. דער רבי יצחק וועלכער ליגט דא פאר אונז, האט געהאט א טאטן אין חוץ לארץ וועלכער האט געהייסן רבי נתן פון ברסלב, ער איז שוין נסתלק געווארן פאר פינף-און-צוואנציג יאר צוריק. ער איז געווען א גרויסער גאון און א גרויסער צדיק, און ער האט געשריבן א ספר מיטן נאמען ׳ליקוטי הלכות׳, וואס דאס איז געבויעט אויף ארבעה חלקי שולחן ערוך! דער ספר איז א חידוש מיוחד במינו – וואס קיינער האט נאכנישט געמאכט עד היום הזה, אז ער נעמט יעדע הלכה פון שולחן ערוך, און ער איז דאס מסביר מיט א טעם על פי פנימיות! וואס ווי פארשטענדליך, גיבט דאס א געוואלדיגן שיינקייט און כבוד פארן גאנצן שולחן ערוך! דעריבער – פירט אויס ר׳ שמואל זיינע ווערטער – האלט איך, אז עס קומט פאר דעם גאון אז זיין זון – וועלכער איז דער איינציגסטער וועלכער איז געקומען קיין ארץ ישראל – זאל ווערן באערדיגט נעבן דעם בית יוסף בעל השולחן ערוך! און איך בין זיכער אז דער בית יוסף וועט אויך זיין צופרידן פון דעם, שפירנדיג א ׳הכרת הטוב׳ צום טאטן פארן מאכן אזא חיבור!". די אנוועזנדע האבן אלע צוגעשאקלט מיטן קאפ אלס א צייכן פון הסכמה אויף די ווערטער פון ר׳ שמואל.

ר׳ זאנוויל און זיינע באהעלפער האבן נישט געדארפט מער פון דעם. זיי האבן אויפגעהויבן דעם נפטר, ארויפגעטראגן ביז אינמיטן בארג, און דארט נאנט צום ציון פונעם בית יוסף האבן זיי אים אריינגעלייגט אינעם גרייטן אויפגעגראבענעם קבר, צוגעדעקט מיט ערד און געלייגט א מצבה – וועלכע שטייט נאך ביזן היינטיגן טאג.

גייענדיג אויפן וועג צוריק מיט די שאוולען, רופט זיך אן ר׳ זיינוויל צו זיינע מיטהעלפער: "יעצט פארשטיי איך שוין פארוואס פונקט היינט האט אזוי געווייגנט! ווייזט אויס, אז דאס האט מען פון הימל אנגעדרייט, כדי אז מיר זאלן באקומען חשק צו באערדיגן דעם נפטר אינעם אנגעגרייטן קבר! ווייזט אויס, אז דער ׳בית יוסף׳ האט געוואלט האבן רבי נתן׳ס א זון נעבן אים!".







מהדורת כיס:
שיחות הר"ן
ליקוטי עצות
ליקוטי תפילות
משיבת נפש
השתפכות הנפש

# ספרי המכון



## ספרים חדשים: פריש ארויס פון דרוק

# איינמאליגע געלעגנהייט:

# די נייע סעט ליקוטי הלכות פאר בלויז $89

לערנט. שפירט. פארשטייט!

## צו באקומען אין אלע ספרים געשעפטן

אדער באשטעלט פאר אומזיסטע דעליווערי:

אויפ'ן מכון'ס האטליין
718.750.2010 עקסט. 0

דורך אימעיל
SALES@OHRHANACHAL.COM

אור הנחל

נתערב לזכות יעקב
בן יהודית פיגלא
ווערצבערגער
לרפואת יהודית פיגלא
בת דינה לרפו"ש

pinex-team 718.840.3660